בס"ד

# פרד"ס יהודה

עלון שבועי באידיש ע"י יהודה זבולון הלוי קליטניק

פרשת ויקהל תשע"ו | שבת שקלים | גליון 350 [שנה ח']

### משה רעדט פאר זיך און איז מעורר כלל ישראל

וַיַּקְהֵ֣ל מֹשֶׁ֗ה אֶֽת־כָּל־עֲדַ֛ת בְּנֵ֥י יִשְׂרָאֵ֖ל: (ל"ה א) זאגט רש"י וַיַּקְהֵ֣ל: והוא לשון הִפְעִיל – ער האט געמאכט איינזאמלען–שאינו אוסף בידים אלא הם נאספים על פי דבורו עכ"ל. רש"י איז געווען שווער: ווייל וַיַּקְהֵ֣ל מֹשֶׁ֗ה קען דאך נישט מיינען אז ער האט ממש איינגעזאלמט מיט זיינע הענט כָּל־עֲדַ֛ת בְּנֵ֥י יִשְׂרָאֵ֖ל, דעריבער טייטשט רש"י וַיַּקְהֵ֣ל, דורך זיין דיבור האט ער איינגעזאמעלט די אידישע קינדער. דאס צו פארשטיין קען מען צו שטעלן א מעשה וואס איז געווען ביים הייליגן סאדיגורא רבי הרה"ק ר' אברהם יעקב זצוק"ל. א חסיד זיינער פון צפת איז פונקט געווען אין סאדיגורא, ה' אב, דער יארצייט פון הייליגן אריז"ל, און דער רבי האט איהם געפרעגט צו אין צפת גייען די סאדיגורא חסידים, ה' אב, צום ציון פון הייליגן אריז"ל? האט דער חסיד געענטפערט אז מען גייט נישט. האט דער רבי אים געפרעגט היתכן אז פון די גאנצע וועלט פארט מען אין ארץ ישראל צו די מקומות הקדושים און די וואס וואוינען אין צפת אליין גייען נישט צום אריז"ל? דער רבי האט געהייסן טרינקען לחיים לכבוד דעם יארצייט, דער חסיד איז צוריק געפארן קיין צפת און פארגעסן צו איבערגעבן פאר די חסידים וואס דער רבי האט געזאגט וועגן גיין אויפן ציון פון אריז"ל ביי זיין יארצייט, און איבער א יאר, ה' אב, איז דער חסיד געקומען אין סאדיגורא קלויז און זעהט אז דער עולם איז נישט געווען און ער האט געדארפט רופן די ספרדישע שכנים משלים זיין א מנין. נאכן דאווענען איז ער צו געגאנגען צום בית החיים און טרעפט דארט די אלע חסידים ביים ציון פון הייליגן אריז"ל, און ער וואונדערט זיך וואס איז געשען אז זיי זענען געגאנגען דעם יאר צום ציון? האבן זיי געענטפערט אז די פריערדיגן יאר ה' אב זענען זיי פלוצלונג נתעורר געווארן אז מען דארף גיין צום ציון פון הייליגן אריז"ל ווייל היתכן ער ליגט אין צפת און די גאנצע וועלט פארט צו אים! דער חסיד איז נשתומם געווארן אז טאקע די רייד פון הייליגן סאדיגורא רבין, דעם פריערדיגן יאר אין סאדיגורא, האט גלייך אויפן ארט משפיע געווען אויף די חסידים אין צפת. מיט דעם קען מען פארשטיין רש"י "הם נאספים על פי דבורו" דער רבי האט נאר געזאגט, און "על פי דבורו" וואס ער האט געזאגט אין סאדיגורא, האט געפויעלט און איינגעזאמלט זיינע חסידים אין צפת צו פארן צום ציון פון הייליגן אריז"ל. אזוי איז געווען ביי משה רבינו, משה האט גערעדט דברי התעוררות פאר זיך אז אלע אידן דארפן צוזאמען קומען, און "על פי דבורו" איז שוין נתעורר געווארן ביי אלעמען קומען. (אביר יעקב) קומט אויס דער צדיק האט א כח דורך זיין דיבור איז ער משפיע אויף מענטשן אפילו אין א ווייטן פלאץ, קען מען צושטעלן וואס מען זאגט בשם הרה"ק ר' יצחק מסקווירא זצוק"ל אז דאס וואס עס איז מקובל, אז דער הייליגער ר' אהרן הגדול מקארלין זצוק"ל, האט געמאכט פ"ד אלף בעלי תשובה, איז נישט וואס ער איז ארום געפארן און גערעדט צו אזוי פיל מענטשן, נאר ער האט גערעדט תורה און זיין פנים איז געווען צום ארון הקודש און די כח הקדושה פון זיין תורה האט ער מעורר געווען אידן צו תשובה זיע"א. (המו"ל)

### משה רעדט צו כלל ישראל און איז זיי מעורר נדיבות הלב

וַיַּקְהֵ֣ל מֹשֶׁ֗ה אֶֽת־כָּל־עֲדַ֛ת בְּנֵ֥י יִשְׂרָאֵ֖ל: (ל"ה א) זאגט רש"י ויקהל: והוא לשון הִפְעִיל – ער האט געמאכט איינזאמלען–שאינו אוסף בידים אלא הם נאספים על פי דבורו עכ"ל. צו פארשטיין וואס וויל דא רש"י מעורר זיין? נאר באמת די אידן האבן דאך געמוזט פאלגן אלעס וואס משה רבינו האט זיי געבעטן ווייל ער האט זיי דאך געברענגט די מָן און די בְאֵר און עֲנָנֵי הַכָּבוד (תענית ט.) ממילא ווען משה דארף איינזאמלען די אידן וועלן זיי מוזן אפילו זיי באמת ווילן נישט, דעריבער האט משה גערעדט צו זיי דברי התעוררות כדי אז אלע זאלן קומען ברצונם הטוב. (רהיטי ברותים –ר' יוסף פראנקפורטער) לויט דעם מהלך קען מען פארענטפערן די באוואוסטע קשיא אז עס שטייט באלד אין פסוק קְח֨וּ מֵאִתְּכֶ֤ם תְּרוּמָה֙: (לה ה) קְח֨וּ איז א לשון פון בעל כרחה, און נאכדעם שטייט כֹּ֚ל נְדִ֣יב לִבּ֔וֹ, זיי זאלן ברענגען מיט א באוויליגטע הארץ איז דאך א סתירה! נאר משה האט פארשטאנען אז נישט אלע אידן וועלן געבן ברצון טוב, נאר זיי וועלן געבן ווייל משה האט געבעטן און זיי קענען אים נישט אָפזָאגן, דעריבער האט משה גערעדט דברי התעוררות ממילא איז שוין געווען ביי אלעמען נדיב לבו. דער תכלית פון אלע הנהגות סיי ברוחניות און סי בגשמיות אז עס דארף געטאן ווערן ברצונו הטוב פון מענטש און נישט געצוואונגענערהייט, און אזוי קען א מענטש זוכה זיין צו עִבְדוּ אֶת ה' בְּשִׂמְחָה. (שמח זבולון)

### וואס מיינט לעשות, שבת איז דרך לא לעשות

אֵ֣לֶּה הַדְּבָרִ֔ים אֲשֶׁר־צִוָּ֥ה ה' לַעֲשֹׂ֥ת אֹתָֽם: (לה א)
פרעגן אלע מפרשים אויפן לשון פון לַעֲשֹׂ֥ת וואס דאס מיינט מען זאל טאן, אבער די מצוה פון שבת איז מען זאל נישט טאן, וואלט געדארפט שטיין שלא לעשות? נאר די גמ' (שבת דף ע ע"א) זאגט לפי שנאמר (שמות לה א) וַיַּקְהֵ֣ל מֹשֶׁ֗ה אֶֽת־כָּל־עֲדַ֛ת בְּנֵ֥י יִשְׂרָאֵ֖ל וַיֹּ֣אמֶר אֲלֵהֶ֑ם אֵ֣לֶּה הַדְּבָרִ֔ים וגו' שֵׁ֣שֶׁת יָמִים֮ תֵּעָשֶׂ֣ה מְלָאכָה֒, אֵ֣לֶּה הַדְּבָרִ֔ים אלו שלשים ותשע מלאכות שנאמרו למשה בסיני, אֵ֣לֶּה איז בגימ' ל"ו, און עס האט געקענט שטיין דְּבָרִ֔ים און עס שטייט הַדְּבָרִ֔ים איז דְּבָרִ֔ים = 1 און הַדְּבָרִ֔ים איז נאך 2, צוזאמען איז ל"ו הרי ל"ט מלאכות, און די ל"ט מלאכות וואס זענען אסור איז געווען מלאכות פון משכן, איז פשט אין פסוק אֵ֣לֶּה הַדְּבָרִ֔ים די מלאכות אֲשֶׁר־צִוָּ֥ה ה' לַעֲשֹׂ֥ת, וואס דער אויבערשטער האט געהייסן טאן אין משכן, אבער אין שבת זענען די מלאכות אסור. (ליקוטי יהודה – אדמור"י גור)

### פארוואס שטייט די עשה און נישט לא תעשה

אֵ֣לֶּה הַדְּבָרִ֔ים אֲשֶׁר־צִוָּ֥ה ה' לַעֲשֹׂ֥ת אֹתָֽם. שֵׁ֣שֶׁת יָמִים֮ תֵּעָשֶׂ֣ה מְלָאכָה֒ וּבַיּ֣וֹם הַשְּׁבִיעִ֗י יִהְיֶ֨ה לָכֶ֥ם קֹ֛דֶשׁ שַׁבַּ֥ת שַׁבָּת֖וֹן לַה': (ל"ה א– ב) עס איז שווער עטליכע דיוקים א] אין שבת איז דא מִצְוַת עֲשֵׂה און מִצְוַת לֹא תַעֲשֶׂה, אויב אזוי פארוואס שטייט אֲשֶׁר־צִוָּ֥ה ה' "לַעֲשֹׂ֥ת" נאר די מִצְוַת עֲשֵׂה? נאך איז שווער וואס מיינט דער ציווי שֵׁ֣שֶׁת יָמִים֮ "תֵּעָשֶׂ֣ה" מְלָאכָה֒, איז מען דען מחוייב צו מאכן א מלאכה אין די זעקס טעג? דריטנס: וואס רש"י באווארענט, וואס איז די שייכות פון שֵׁ֣שֶׁת יָמִים֮ תֵּעָשֶׂ֣ה מְלָאכָה֒ צו וּבַיּ֣וֹם הַשְּׁבִיעִ֗י יִהְיֶ֨ה? נאר די גמ' (קידושין לט:) זאגט "יָשַׁב ולא עָבַר עֲבֵירָה נוֹתנִין לוֹ שְׂכַר כְּעוֹשֶׂה מִצְוָה". איז די גמ' מפרש אז אז אויב עס קומט א נִסָּיוֹן צו טאן א עבירה און יָשַׁב ולא עָבַר עֲבֵירָה, גיט מען שכר כְּעוֹשֶׂה מִצְוָה. אויך זאגט די גמ' (יומא ו:) אז די ראי' אויף א אמת'ע תשובה איז, ווען עס קומט פאר די זעלבע נסיון פון עבירה און מען טוט עס נישט, דאס איז תשובה. לויט די ווערטער קען מען אלעס מסביר זיין: ווייל די תורה וויל אז רוהען אין שבת זאל זיין א מִצְוָה, און אויך אז מען זאל מרגיש זיין די הייליגקייט, און דאס איז נאר שייך אויב מען ארבעט א גאנצע וואך און מען האט די נסיון צו ארבעטן אין שבת, און מען רוהט שבת, איז דער עצם רוהען אויך א מצוה. און מען פיהלט די קדושת שבת. דעריבער זאגט די תורה "אֲשֶׁר־צִוָּ֥ה ה' לַעֲשֹׂ֥ת" דער אויבערשטער האט באפוילן אז שֵׁ֣שֶׁת יָמִים֮ תֵּעָשֶׂ֣ה מְלָאכָה֒, כדי עס זאל זיין "וּבַיּ֣וֹם הַשְּׁבִיעִ֗י יִהְיֶ֨ה לָכֶ֥ם קֹ֛דֶשׁ." עס איז דא א מצוה פון שבת צו פיהלן די קדושת שבת. (הגאון ר' רפאל האמבורג)

## מדור העובדות

## **** דער צדיק קומט עסן א סעודה און בענטשט זיי מיט א קינד ****

הרה"ק ר' אלימלך פון טאש זצוק"ל איז געווען די ממלא מקום פון זיין הייליגן טאטן הרה"ק ר' משולם פייש זצוק"ל וואס איז געווען א באליבטן תלמיד פון הרה"ק ר' דוד'ל מדינוב דער בעל צמח דוד זון פון הייליגן בני יששכר זצוק"ל.

איין ערב שבת איז געקומען צו ר' דוד'ל א איד און בעט אז ער וויל עסן ביי אים די סעודות שבת, און זאגט ער האט געברענגט א שפע פון אלע עסן, פרעגט אים דער רבי פארוואס וויל ער עסן דוקא ביי אים? האט ער געענטפערט איך וועל דיר דערציילן א מעשה. ער האט לא עלינו אסאך יארן נישט געהאט קיין קינדער און ער פלעגט פארן יארן צום הייליגער דינוב'ער און געבעטן ברכות פאר קינדער אבער דער רבי האט נישט געוואלט ווינטשן, איין יאר איז ער געקומען מיט זיין ווייב אויף ראש השנה און זי האט געמאכט קולות און געזאגט זי גייט נישט ארויס פון צימער ביז דער רבי וועט זיי צוזאגן א קינד! עס איז געווארן א טומל און די חסידים זענען צוזאם געקומען, זאגט דער רבי צו זיי אז ער האט נישט די כח זיי צו העלפן נאר זיין תלמיד ר' פייש פון טאש קומט צו פארן אויף סוכות זאלן זיי אים איינבעטן אז אויפן וועג אהיים זאל ער קומען ביי אייך אינדערהיים עסן א סעודה און אזוי וועט איר געהאלפן ווערן מיט קינדער!



הרה"ק ר' **אלימלך מטאש** זצוק"ל

די פרוי איז געווארן בארוהיגט און איז ארויס פון צימער. זיי זענען שוין געבליבן אויף סוכות און זיי האבן זיך גענומען צו די ארבעט משפיע זיין אויפן צדיק פון טאש אז ער זאל קומען ביי זיי אויף א סעודה אבער דער צדיק האט געענטפערט וואס האט ער מיט זיי און וועגן וואס זאל ער מאכן א אומוועג? אבער די חסידים פון ר' דוד'ל האבן זיך ארייגעמישט און משפיע געווען אז דער צדיק פון טאש זאל מסכים זיין, און צום סוף האט ער צוגעזאגט אז ער וועט קומען ביי זיי אין שטאט און עסן א סעודה ביי זיי אין שטוב. דער איד מיט די חסידים האבן געהאט א שמחת החג וויסנדיג אז זייער א ידיד וועט באלד געהאלפן געווארן.

און טאקע נאך סוכות איז דער צדיק פון טאש געפארן מיט זיי. אנקומענדיג אין שטאט האט דער צדיק געזאגט מען דארף גיין דאווענען שחרית און אויב זייער שטוב וועט אים געפעלן וועט ער עסן דארטן א סעודה. נאכן דאווענען קומט דער צדיק ביי זיי אין שטוב און גייט אריין פון צימער צו צימער און זוכט עפעס! דערנאך גייט ער אין חצר און אין מחסן און זוכט און זוכט. ווען דער צדיק ענדיגט זוכן זאגט ער איך האב געזוכט ביי אייך אומעטום און נישט געטראפן א בעטל פון א קינד, האב איך אים געזאגט אז מיר האבן נישט זוכה געווען צו קינדער דעריבער האבן מיר נישט קיין בעטל! זאגט דער צדיק אז ער וועט נישט קענען עסן דא א סעודה ווייל ער קען נאר עסן אין א פלאץ וואס מען גיט די סעודה מיט א גוטע אויג און האט מורא אז דא ווייל זיי האבן נישט געהאט קיין קינדער איז דא א שטיקל שלעכטע אויג ביי די סעודה!

עס איז אונז שלעכט געווארן אז דער צדיק וויל נישט עסן א סעודה און חלילה די גאנצע ארבעט און האפענונג וועט גיין אומזיסט! האבן מיר גענומען וויינען פארן צדיק און דערציילט וואס דער הייליגער דינובער האט זיי געזאגט און חלילה, זיי גיבן די סעודה מיט א צופרידענהייט און פולן הארץ! דער צדיק האט זיך מרחם געווען און געזאגט אויב איר זאגט מיר צו אז די סעודה איז ממש פון טיפענעיש פון הארצן מיטן גאנצע ווילן וועל איך דא עסן א סעודה און דער אויבערשטער וועט אייך געבן א קינד. מיר האבן זייער געדאנקט דעם צדיק און צוגעשטעלט א סעודה כיד המלך און נאכן סעודה האט דער רבי אויסגעשטרעקט זיין האנט און געוואונטשן א קינד בקרוב און דער אויבערשטער האט אונז געבענטשט מיט א זון!

האט אויסגעפירט דער איד פאר ר' אלימלך אז וויבאלד מיר זענען געהאלפן געווארן אין זכות פון אייער הייליגער טאטע און יעצט זענען מיר געווען ביים זון פון הייליגן ר' דוד'ל מדינוב, הרה"ק ר' צבי אלימלך פון בלאזוב זצוק"ל דער בעל צבי לצדיק און האט אונז געהייסן קומען צו אייך אין טאש און ברענגען א אוצר פון עסן פאר די שטוב און אויך א פדיון נפש פאר אייך ווייל אייער הייליגער טאטע האט נישט געוואלט נעמען געלט ביי מיר. און יעצט איז דער צייט וואס מיין קינד דארף זיך שטעלן צו די ארמיי און איך האב נאר די איין קינד, און דער בלאזובער האט געזאגט אז איר האט די כח צו באפרייען מיין זון פון די ארמיי!

דער רבי' ר' אלימלך האט זיך זייער געפריידט צו דעם גאנצן אוצר ווייל עס איז געווען א גרויסע ארעמקייט ביי זיי אין שטוב, און ער האט צוגעזאגט אז ער וועט מתפלל זיין אז דער קינד זאל מען נישט נעמען אין די ארמיי, און כך הווה, דער קינד האט מען נישט גענומען, און ער איז ווייטער געקומען דאנקען דער ר' אלימלך זיע"א פאר די ברכות. חסידים האבן געהערט כמה פעמים פון דעם הייליגן צבי לצדיק אויף אים אז ער איז א איש קדוש און א בעל רוח הקודש און א בעל מופת זיע"א.

### נאך א סיפור פון זכות פון שמירת שבת

מיר האבן געברענגט אין פרשת תצוה סיפורים פון שמירת שבת וואס מען האט נישט דערלייגט פון דעם, ש"ב הרה"ח ר' ראובן אליעזר תהלים ז"ל א איידעם פון מיין עלטער פעטער הרה"ח ר' ניסן פילטשיק ז"ל האט געהאט א געשעפט פון סחורה לעבן מאנסי, און היות דער עיקר פארדינסט איז געווען אין שבת און דער געשעפט האט אנגעהויבן גיין מטה מטה. איז ער געפארן צום סטאלינער רבי הרה"ק ר' יוחנן זצוק"ל אין וויליאמסבורג און גיסט זיך אויס די הארץ און דער רבי זאגט מיט א שמייכל קענסט זיין אפען זונטאג און אויך מאכן געלט! ר' ראובן ע"ה איז געווען כידוע א חסיד און א תמים און פרעגט נישט קיין קשיות -הגם עס איז איז נישט געווען אזוי פשוט דעמאלטס צו זיין אפען זונטאג און בפרט אין א גויעשע געגענט- און ער עפענט זיין געשעפט זונטאג. זיין געשעפט איז גאר געווען אנקעגען א טומאה, און נאך וואס די גוים האבן גערענדיגט איז אריינגעקומען עטליכע קונים און האבן געזען די שיינע סחורה און האבן געקויפט אסאך. זיי האבן מפרסם געווען פאר זייערע ידידים וועגן דעם געשעפט און די געשעפט האט געברענגט פרנסה פאר עטליכע משפחות, און די געשעפט פירט זיך נאך עד היום הזה.


נישט קוקן אין דעם חלק במשך השבת קודש: הוצא לאור ע"י "עולם הספרים" המרכז העולמי לספרים שאינם בנמצא ולספרים עתיקים וכתבי יד- צו פארקויפן-

*א זעלטענע שיינע סעט פון חומש היכל הברכה קאמארנא ערשטע דרוק מיט הונדערטער הגהות פון הרה"ג ר' יצחק יוסף חזן פון לאסק אויף רש"י און משכיל לדוד מען קען מאכן א ספר פון די הגהות13000$, סידור תורה אור חב"ד געדרוקט אין שנגהאי תש"ו זייער זעלטן 6000$, ספר יעקב וישראל זידיטשוב מיט פול הגהות בכת"י 1000$*

תהלים אמרות טהורות דפוס זיטאמיר, תהלים דגל והודיה דפוס זיטאמיר, הרבה ספרים מישיבה תת"ל ליובאוויטש ומישיבת מיר שנדפסו בשנגהאי. הרבה ספרי חב"ד שנדפסו לפני המלחמה, ספר כתר תורה על מצוות עם הרבה חתימות פון הרה"ק ר' יעקב חיים סאפרין מקאמארנא, ספר שארית ישראל ווילעדניק דפוס ראשון א סגולה אויף שמירה, תהלים בן ביתי סגולה פאר גוטע קינדער און לכל דבר 1500$. קול קורא פון חפץ חיים תרפ"ט פון ווילנא וועגן טהרת המשפחה 600$, **גרויסע תהלים דפוס זיטאמיר 5000$**,, בריוו פון הגאון ר' אליעזר ראביאוויץ דער מינסק גדול, א בריוו פון ר' אהרן וואלקין וועגן זיין ספר סביב ליראיו, תשובה פון הייליגן דברי יואל 5 שורות כת"י בלי חתימה. ספר מגיני שלמה ויניציא תק"א עם חתימת ר' פייוויל פלויט תלמיד חתם סופר., הכתב והקבלה דפוס ראשון, **ספר מיט צוויי חתימות פון הגה"ק ר' יחזקאל מערץ.** א גמרא פון הרה"ג ר' אברהם פאם זצ"ל 180$, א גמרא פון הגאון ר' שלמה הימאן זצ"ל 600$, ספר פרקי הנאז"ר על שחיטה מבואר על פי חסידות 90$, בעכער פון הרה"ק ר' מאיר מפרימישלאן, קומט אריין און איבערצייגט זיך.

איבער 10000 ספרים אין געשעפט, מיר וייסן וואס מיר האבן, און אלעס איז מסודר אין א סדר.

**4403 16 Ave Brooklyn, NY 11204 USA 718 438 8414 718 633 5500 T/f Hours are 11-7:30 Fri till 1:30, To receive pardes: send to- pardesyehuda1@gmail.com or pickup in the store from Thursday also on the web at *WWW.SEFORIMWORLD.COM***

מען קען באקומען דעם גליון אין די קונטרס גליונות לשבת -- http://ladaat.info/gilyonot.aspx אדער אויף לדעת




פרשת ויקהל גליון 350